STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05037

# UN OT AZOY VET ZIKH ENDIKN DI MILKHOME!

Solomon Davidman

*Permanent preservation of this book was made possible
by the Marcus family, Eugenia, Leonard, Helena & Jeffrey
in memory of
Sophie Pann*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



# סאַבוויי־ביבליאָטעק

1000

## געשיכטעס פאַר גרויס און קליין

ISBN:0-657-05037-7

# און אַט אַזוי וועט זיך
# ענדיקן די מילכאָמע!



נומער 6

369

פון ש. דאַווידמאַן



דער לערער קוקט אַף די קינדער און צײַכנט אין קלאַס־זשורנאַל. אַלע זײַנען שוין דאָ: נאָרמאַן, מאַלקעלע, סטענלי, פּערל, לענאַרד, בעלאַ, קאָפּל, ראָכל, אַווּרעמל, הילדע, אַלווין, אירווינג, עלען, — נאָר פּײַ איז נאָך ניטאָ: זי קומט דאָך שטענדיק אין צײַט?

ער גיט אַ קלעפּל אין טישל. עס ווערט שטיל. ער קוקט אַף זײַנע שילער און שילערינס. ער פילט זײערע בליקן, אויפמערקזאַמקײַט:

— הײַנט, קינדער, לערנען מיר געשיכטע. אידישע געשיכטע. עס איז זײער וויכטיק צו קענען געשיכטע. זײער אָפּט כאַזערט זיך געשיכטע איבער. און אַז מע ווײסט, וואָס ס'איז געווען אַמאָל, מע פאַרשטײט, וואָס סע קומט פאָר איצט, — קען מען זיך פאָרשטעלן, וואָס סע וועט שפּעטער זײַן, אין דער צוקונפט!

אין די ווערטער לויפט אַרײַן פּײַ אַ פאַרסאָפּעטע. זי איז פאַרפלאַמט. זי אַנטשולדיקט זיך, וואָס זי האָט פאַרשפּעטיקט. דאָס איז די קלוגע פּײַ, וואָס האָט דערקלערט דעם לערער, אַז אויב זי איז אַמאָל ניט רואיק אין קלאַס, זאָל ער ניט זײַן ברויגעז אַף איר. ווײַל: אין סקול מוז זי זיצן, ווי אַ סאָלדאַט. אין דער הײם, מוז זי זיך אויפפירן, ווי אַ מענטש. איז די אָרדן־שול איר אײנציקע פרײַע הײם. זי האָט דאָ אירע בעסטע פרײַנט. איז טאָמער רעדט זי אַמאָל שטילערהײט צו אַ כאַווערטע, זאָל דער לערער קײן פאַראיבל ניט האָבן.

און אַזוי ווי פּײַ האָט נאָר אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל און זיך געלאָזט צו איר פּלאַץ, האָט זי גלײַך אויפגעהויבן איר האַנט:

— לערער, לערער, איך האָב זײער אַ וויכטיקע פראַגע צו שטעלן!

— זייער אַ וויכטיקע פראַגע? — שמייכלט דער לע־רער — נו, פרעגן!

— ווי אַזוי הייבט זיך אָן אַ מילכאָמע און ווי אַזוי ענדיקט זיך אַ מילכאָמע?

— טאַקע אַ גוטע פראַגע! — האָבן מאַלקעלע, נאָר־מאַן, פערל, אירווינג און הילדע איינגעשטימט — מיר דאַרפן עס וויסן.

— טאַקע זייער און זייער אַ נויטיקע פראַגע! — האָט דער לערער פאַר זיך איבערגעכאַזערט און זיך פאַר־טראַכט אַ מינוט — איר פאַרשטייט, קינדער, ניט אַלע מילכאָמעס הייבן זיך אָן און ענדיקן זיך אַף איין אופן, וועג. נאָר אויב איר ווילט, קען איך אייך דערציילן ווי אַזוי די לעצטע וועלט-מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן און געענ־דיקט.

— דאָס איז דאָך אויך געשיכטע! — האָט סטענלי אַ גלאַנץ געטאָן מיט זיינע קלוגע אויגן.

ס'איז געוואָרן אין קלאַס אַזוי שטיל, אַז מע האָט גע־קענט הערן דאָס אָטעמען פון די קינדער. שילער האָבן ליב צו הערן, ווען דער לערער דערציילט. נאָר מערער האָבן זיי ליב צו הערן, ווען ער דערציילט פון זיין לעבן.

— איינמאָל, אין אַ הייסער זומער נאַכט, אין 1914, זיך בין געוועזן אַ קינד אין איינערע יאָרן, איך האָב זיך געשפּילט מיט מיינע כאַווירים אַף דער גאַס, איז אָנגע־פלויגן אַ סאָלדאַט אַף אַ פערד, האָט צוגעקלעפּט אַ בלעטל אַף אונדזער גאַס און איז אַנטלאָפן.

מיר האָבן זיך דערשראָקן, נאָכגעקוקט דעם סאָלדאַט. און אַז דער רייטער איז פאַרשוואונדן געוואָרן, האָבן מיר זיך צוגערוקט צו דער וואַנט און איבערגעלייענט:

מ אָ ב י ל י ז אַ צ י ע ! מ אָ ב י ל י ז אַ צ י ע !

מיר האָבן יאָ פאַרשטאַנען און ניט פאַרשטאַנען. יע־דער איינער פון אונדז האָט געמיינט, אַז ער ווייסט בע־סער, פאַרשטייט בעסער. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן קריגן, באַלד געמאַכט צווישן זיך אַ מילכאָמע.

נאָר אין מיטן דערינען האָט מען אָנגעהויבן אָנלויפן פון אַלע הייזער פון אונדזער גאַס. אַלע זײַנען זיך צוזאַ־מענגעלאָפן: טאַטעס, מאַמעס, ברידער און שוועסטער, מע האָט געשטרעקט די העלדזער צום בלעטל און זיך געטומלט: דער קייסער האָט דערקלערט מילכאָמע דעם דײַטש! פרויען האָבן אָנגעהויבן צו וויינען, און דאָס ערשטע האָט מען אונדז, קינדער, אָנגעהויבן טרײַבן פון די גאַסן: „אַהיים, קינדער, סאַ מילכאָמע!"

איך בין געווען שטאַרק ברויגעז אַפן בלעטל, וואָס האָט געבראַכט מילכאָמע און מיר צעשטערט די שפּיל, בין איך אַהיים געלאָפן.

און אין דער היים האָט מען שוין געוואוסט. מע איז געזעסן און געשמועסט. די שוועסטער האָט אויסגערעכנט אַף די פינגער אַ האַלבע שטאָט טאַטעס און זין, וואָס וועלן מאָרגן אַוועק אַף דער מילכאָמע. און כאָטש מײַן עלטערער ברודער איז געווען אין דער שווייץ, מײַן טאַטע איז ניט געווען מילכאָמע־פּייאיק און איך בין נאָך געווען זייער יונג, איז מען דאָך געווען זייער געטראָפן. יעדער איי־נער האָט געשטעלט מײַן טאַטן די פראַגע: ווי לאַנג קען אָנהאַלטן די מילכאָמע?

און אַף מאָרגן און איבערמאָרגן און אַ סאַך, אַ סאַך מאָרגנס האָבן טאַטעס און זין פאַרלאָזט די היימען. זיי האָבן זיך געטראָגן מיט שווערע פּעק און טשײַניקעס. זיי

זײַנען אַוועק צו דער באַן־סטאַנציע. באַנען זײַנען געקומען און זײ פאַרנומען. און צוריק זײַנען זײער װײניק געקומען.

און די װאָס זײַנען געקומען, זײַנען געקומען אָן הענט, אָן פיס, אָן צײן. קײן גאַנצער איז קײנער צוריק ניט געקומען.

מײַן טאַטע האָט אױפגעהאַנגען אַף דער װאַנט אַ מאַפּע פון דער װעלט. אַלע טאָג געקוקט אַף איר. אונדז דערקלערט: די מילכאָמע פאַרשפּרײט זיך איבער דער גאַנצער װעלט, אַ װעלט־מילכאָמע! אַט־דאָ האָט מען אַ גאַנצע שטאָט פאַרברענט. די מענטשן, װאָס זײַנען געבליבן לעבן זײַנען אַנטלאָפן אין אַנדערע שטעט. אין דער שטאָט אַרײַן האָט מען שױן צוגעבראַכט צװאַנציק טויזנט יעסוימים! קראַנקהײַטן פאַרשפּרײטן זיך. אַ גרויסער הונגער װערט. שלעכט, מײַן קינד, מילכאָמע איז זײער אַ שלעכטע זאַך!

— אָבער װי אַזוי הײבט זיך אָן אַ מילכאָמע? — האָב איך געפרעגט.

— ניט אַלע מילכאָמעס הײבן זיך אָן גלײַך. די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהױבן פון דעם, װאָס אַ פּרינץ איז געגאַנגען שפּאַצירן, מיסטאָמע מיט אַ פּרינצעסין. איז געקומען אַ מאַן און דערשאָסן דעם פּרינץ. האָט דער קעניג, דער פאָטער פון דעם פּרינץ, געשיקט אַן אַרמײ סאָלדאַטן צו זוכן דעם מערדער, װאָס איז אַנטלאָפן אין אַ צװײטן לאַנד. דער קעניג פון צװײטן לאַנד האָט זיך באַלײדיקט, װאָס מע זוכט באַ אים אַ מערדער און ער האָט אױך אַרױסגעשיקט אַן אַרמײ סאָלדאַטן. און די סאָלדאַטן האָבן זיך אָנגעהױבן צו שלאָגן. און װאו א קעניג און װאו אַ פּרינץ, האָבן זיך דערשראָקן, אַז מע װעט זײ דערשיסן, האָבן זײ געשיקט און געשיקט סאָלדאַטן.

און מע האַלט זיך אין איין שלאָגן. דער זאָגט, אַז יענער קעניג איז שולדיק. און יענער זאָגט, אַז דער קעניג איז שולדיק. דערווײַל, מײַן קינד, ביז מע וועט ניט אויסגעפינען וועלכער קעניג איז אין דער עמעסן שולדיק, קען מען ניט אָפּשטעלן די מילכאָמע.

— אָבער, טאַטע, — האָב איך געזאָגט — איך האָב געהערט פון אַרן, דעם שאַמעס׳ אינגל, — אַז ער אַליין האָט געהערט פון זײַן ברודער קאַלמען, דער שנײַדער, אַז פּערעץ סטאָליער האָט אַליין דערציילט מיט זײַן מויל, אַז סאַשאַ דער סטודענט, וואָס איז אומעטום דאָ, נאָר די פּאָליציי קען אים קיינמאָל ניט כאַפּן, האָט געזאָגט, אַז אין דער עמעסן פירן די קעניגן די מילכאָמע דערפאַר, וואָס זיי ווילן פאַרכאַפּן איינער באַם צווייטן אַ סאַך לאַנד, פאַבריקן, הײַזער, שטעט, באַנען, זילבער און ברילִיאַנטן, — זיי זאָלן ווערן זייער רײַך!

— אָבער, שאַ, מײַן קינד, רעד ניט אַזוי הויך און ניט אַזוי גיך — האָט זיך מײַן טאַטע דערשראָקן פאַר די רייד — ס׳קען זײַן, אַז עפּעס איז דאָ אין דעם, נאָר רעדן וועגן דעם אין דער הויך טאָר מען ניט. אַז דעם קייסערס דינער וועלן זיך דערוויסן, אַז דו רעדסט אַזעלכע רייד, וועט מען דיך אײַנזעצן אין טפּיסע אַף דײַן גאַנצן לעבן...

און ס׳איז אַוועק אַ יאָר און צוויי און דרײַ. און איך בין אונטערגעוואַקסן געוואָרן. און מע האָט נאָך אַלץ ניט געוואוסט ווער ס׳איז שולדיק אין דער מילכאָמע. און די מילכאָמע האָט נאָך אַלץ געברענט אַף דער וועלט. און מײַנע כאַווײרים זײַנען אונטערגעוואַקסן געוואָרן. און מע האָט אונדז אויך געוואָלט נעמען אין דער מילכאָמע אַרײַן. און די טאַטעס, וואָס זײַנען ניט געפאַלן אין דער מילכאָמע, זײַנען געשטאָרבן פון קראַנקהײַטן, הונגער. און מײַן

טאַטע איז אויך געשטאָרבן פון טיפוס. און וועמען צו פרעגן ווען עס וועט זיך ענדיקן די מילכאָמע האָבן שוין די אינגלעך ניט געהאַט.

אָבער איין מאָל, אין אַ ווינטערדיקן טאָג, אין 1917, האָבן זיך צונויפגענומען אַלע הונגעריקע מאַמעס מיט זייערע הונגעריקע קינדער און זיך געלאָזט גיין צום קייסער מיט גרויסע שילדן: „גיב אונדז ברויט, אונדזערע קינדער שטאַרבן פון הונגער. גיב אונדז פרידן, מיר קענען שוין מער ניט אויסהאַלטן די מילכאָמע!“

אַז דער קייסער האָט דערהערט, אַז די מאַמעס מיט די קינדער גייען אַף אים, האָט ער אַרויסגעשיקט אַלע זשאַנדאַרמען און פּאָליציי־לײַט און זיי אָנגעזאָגט: „אויב די מאַמעס וועלן זיך ניט וועלן צעגיין אין זייערע היימען, זאָלט איר שיסן צום טויט!“

און אַזוי ווי די זשאַנדאַרמען און די פּאָליציי־לײַט האָבן אָנגעשטעלט די ביקסן צו שיסן די מאַמעס און די קינדער, איז אין דעם מאָמענט אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פון רײַטער־סאָלדאַטן, קאָזאַקן, דערזען, אַז מע פירט מילכאָמע שוין קעגן פרויען און קינדער, האָט זיי פאַר־דראָסן און זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע שווערדן און פאַרטריבן דעם קייסערס זשאַנדאַרמען.

אַז דאָס פאָלק האָט דאָס דערהערט, האָבן זיך אַלע אַ שאָט געטאָן פון די הײַזער, פון די פאַבריקן, פון די קאַנטאָרן, פון די געשעפטן, פון די קאַזאַרמעס, — און אַלע צום קייסער:

„מיר ווילן שאָלעם!“

האָט זיך דער קייסער דערשראָקן און זיך גלײַך אָפּ־געזאָגט פון זײַן טראָן. אַז דער דײַטשער קייסער האָט דערהערט, אַז דער רוסישער קייסער איז געפאַלן פון

זײַן טראָן, האָט ער אָנגעהויבן ציטערן און פֿאַרלוירן זײַן קרוין. די סאָלדאַטן פֿון אַלע לענדער האָבן זיך אָנגעהויבן ברידערן און געמאַכט שאָלעם אַף דער וועלט.

אָט אַזוי האָבן פֿרויען און קינדער פֿאַרענדיקט די לעצטע וועלט-מילכאָמע! — — —

— אָבער הײַנט זײַנען דאָך קיין קעניגן ניטאָ! — האָט לענאַרד באַמערקט.

— אַזוי! — האָט מאַלקעלע געזאָגט — נאָך דאָ גענוג: אין ענגלאַנד, רומעניע, יאַפּאַן און אין אַ סאַך אַנדערע לענדער.

— מע מײנט ניט נאָר אַלטע קעניגן, מע מײנט נײַע קעניגן, די געלט-קעניגן! — האָט סטעגלי דערקלערט.

— וואָס מײנט עס? — האָט בעלאַ אויסגעשריען.

— קינדער! — האָט דער לערער איבערגעשלאָגן — איר ווילט וויסן צו פֿיל, איר זענט נאָך יונג. מיר דאַרפֿן נאָך הײַנט לערנען געשיכטע.

— אָבער אײן זאַך נאָך, לערער — האָט פּײ זיך געריסן — מיר דאַרפֿן וויסן, אַלע דאַרפֿן וויסן, אַז עס זײַנען דאָ קעניגן פֿון אָטאָמאָבילן, אויל, אײַזן, גאָלד, זילבער און בריליאַנטן.

— אָבער קיין קעניגן גײען דאָך ניט אַף קיין מילכאָמעס, ווי אַזוי-זשע וועט זיך ענדיקן די מילכאָמע? — האָט אוירווינג געפֿרעגט.

ס'איז שוין געוואָרן שפּעט. און באַ קינדער שעפּן זיך קײנמאָל ניט אויס קיין פֿראַגן. און זײ לאָזן זיך ניט אָפּנאַרן אויך. האָט דער לערער פֿאַרענדיקט:

— נו, קינדער, אויב עס וועט קײנער ניט וועלן אָפּשטעלן די מילכאָמע, וועלן שוין מוזן נאָכאַמאָל קומען די מאַמעס מיט די קינדער און פֿאַרענדיקן די מילכאָמע!...

5־טער פֿעברואַר, 1940.